**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**אויף פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג טאג, צייכנט גאווארנער האקול אונטער געזעצגעבונג פארברייטערנדיג פרויען'ס געזונט ריסאורסעס**

***S.6146-A/A.5729-A פארלאנגט קאמערציעלע געזונט פארזיכערערס צוצושטעלן דעקונג פאר טאטואינג דורכגעפירט דורך א דאקטאר אלס טייל פון ברוסט ווידעראויפבוי אפעראציעס***

***S.5910-B/A.4060-A פארלאנגט מענסטרועלע פראדוקטן אין פובליק קאלעדשעס און אוניווערזיטעטן***

***פולע טעקסט פון פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג טאג פראקלאמאציע איז צו באקומען [דא](#) און סטעיט לענדמארקס וועלן באלויכטן ווערן פורפל און גאלד***

***זעט פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג טאג מעסעדש פון גאווארנער האקול [דא](#)***

אין פייערונג פון פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג טאג, האט גאווארנער האקול היינט אונטערגעשריבן געזעצגעבונג צו פארברייטערן ריסאורסעס פאר פרויען'ס געזונט סערוויסעס. געזעצגעבונג S.6146-A/A.5729-A פארלאנגט קאמערציעלע געזונט פארזיכערערס צוצושטעלן דעקונג פאר טאטואינג דורכגעפירט דורך א דאקטאר אלס טייל פון ברוסט ווידעראויפבוי אפעראציעס. לעגיסלאציע S.5910-B/A.4060-A פארלאנגט מענסטרועלע פראדוקטן אין פובליק קאלעדשעס און אוניווערזיטעטן. גאווערנער האקול האט אויך ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) געבנדיג א נאמען פאר אויגוסט 26, 2024 פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג טאג און געמאלדן אז 13 סטעיט לאנדמארקס וועלן באלאכטן ווערן פורפל און גאלד היינט ביינאכט, אויגוסט 26. א ווידעא מעסעדש פון גאווארנער האקול קען געזען ווערן [דא](#).

"פרויען זענען אנגעקומען ווייט אין די קאמף פאר גלייכע רעכטן, אבער עס איז נאך דא מער צו טון," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "ניו יארק וועט אלעמאל זיין א פירער אין באשיצן און פארברייטערן פרויען'ס רעכטן. אלס די ערשטע פרוי וואס סערווירט אלס גאווארנער פון די גוטע סטעיט, וועל איך ווייטער פירן פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג און רעפראדוקטיווע געזונטקעיר."

געזעצגעבונג S.6146-A/A.5729-A פארלאנגט קאמערציעלע געזונט פארזיכערערס צוצושטעלן דעקונג פאר טאטואינג אלס טייל פון ברוסט ווידעראויפבוי אפעראציעס אויב אזא טאטואינג ווערט דורכגעפירט דורך א דאקטאר אדער אנדערע געזונטהייט קעיר פראקטיציאנער ארבעטנדיג אין די אופן פון פראקטיצירונג.

**סטעיט סענאטאר קארדעל קלער האט געזאגט,** "קעמפן אנטקעגן די פארניכטנדע ווירקונגען פון ברוסט קענסער און פארבינדענע באהאנדלונג איז גענוג שווער אויף זיך. צוגעלייגט צו דעם זענען די סטרעסונגען אויף די מח און קערפער, ארײנרעכנענדיג פיזישע טוישונגען. די ביל וועט העלפן ברוסט קענסער

איבערלעבערס וואס לעבן מיט ברוסט ווידראויפבוי און וועט זיי העלפן פילן און אויסזען גאנץ. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די זייער וויכטיגע ביל, צו העלפן אונזערע איבערלעבערס זיך ערהוילן פיזיש, גייסטיש און עמאציאנאל."

לעגיסלאציע S.5910-B/A.4060-A פארלאנגט מענסטרועלע פראדוקטן אין פובליק קאלעדשעס און אוניווערזיטעט געביידעס.

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,**"מענסטרועלע פראדוקטן זענען א פונדאמענטאלע געזונטהייט געברויך, און קיינער זאל נישט ווערן צוריקגעהאלטן אין שולע, ארבעט אדער לעבן ווייל זיי האבן נישט די מעגליכקייט זיי צו באקומען. איך בין זייער שטאלץ אז אונזער ביל צוצושטעלן מענסטרועלע פראדוקטן אומזיסט פאר אלעמען אין אלע SUNY און CUNY רעסטרומס איז געווארן אונטערגעשריבן אין געזעץ. די געזעצגעבונג איז א גרויסע שריט פאראויס אין אונזער קאמף צו ענדיגן פיריאד ארעמקייט, פארמינערן פינאנציעלע סטרעס און סטיגמא וואס נעמט אפט ארום מענסטורעישן, און אונז ברענגען נענטער צו אמת'ע גלייכקייט און ווירדע פאר מענטשן וואס מענסטורעיטן. איך דאנק גאווארנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע געזעצגעבונג אויף פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג טאג און געזונט טשעיר אסעמבלימעמבער אמי פאולין פארן באקעמפן די פראבלעם מיט מיר."

**אסעמבלימעמבער אמי פאולין האט געזאגט,** "היינט, האט גאווארנער האקול פאראויס געטריבן פרויען'ס געזונט קעיר. דורך פארלאנגען אינשורענס דעקונג פאר ברוסט טאטואינג אלס טייל פון די ווידעראויבוי פראצעדור פאר ברוסט קענסער איבערלעבערס, פארזיכערן מיר אז פרויען' האבן צוטריט צו די גאנצע ספעקטרום פון קעיר וואס זיי דארפן און וואס קומט זיך זיי. דאס איז נישט וועגן קאסמעטיקס - עס איז איבער העלפן איבערלעבערס זיך פילן צוריק גאנץ נאך א פיזישע און עמאציאנאלע שווערע איבערלעבונג. מיר פארלאנגען אויך אז פובליק קאלעדשעס און אוניווערזיטעטן זאלן צושטעלן אומזיסטע מענסטרועלע פראדוקטן אין קאמפוס רעסטרומס, איז א וויכטיגע שריט אין באקעמפן פיריאד ארעמקייט. איך בין דאנקבאר צו גאווארנער האקול פארן אונטערשרייבן די בילס אין געזעץ און פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן געזונטהייט קעיר פאר די פרויען פון ניו יארק."

אריגינעל ארייגעבערענגט אין 1971 דורך רעפרעזענטיטיוו בעלא אבזוג פון ניו ירק און דורכגעפירט אין 1973 דורך די יו.עס. קאנגרעס, איז אויגוסט 26 אוועקגעשטעלט געווארן אלס פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג טאג צו געדענקען די סערטיפיקאציע פון די 19טע אמענדמענט אין 1920 וועלכע האט געגעבן די רעכט פאר פרויען צו שטימען.

גאווארנער האקול האט אויך באפוילן אז סטעיט לענדמארקס זאלן באלאכטן ווערן פורפל און גאלד אין עהרע פון פרויען'ס גלייכבארעכטיגונג דורכאויס די נאכט, אויגוסט 26.

13 לאנדמארקס וועלן ווערן באלאכטן היינט נאכט אריינרעכענענדיג:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק

- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן